# אין סוף פון די טעג

(הערץ בערגנער'ן)

אין סוף פון די טעג פון דעם גרויסן געוויין
איז אַ טרויעריק יינגל געקומען צו גיין

צום חרובן הויז. אַזוי ווי אַמאָל
מיט אַ פלאַמיקן אַטעם דער נביא צום טאָל.

מיט אומרו אין האַרץ, מיט איילִיקע טריט
צו זוכן אַ וואָרט פון פאַרלאָשענעם ליד.

נאָר שטום ווי אַ דומם און אומהיימליך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

איז ס'יינגל געשטאַנען פאַרגליווערט. און שטום
געשלונגען די שטילקייט פון טויטן אַרום.

דערפילט מיטאַמאָל אַזאַ בראָך אין די קני
און זיין גוף צו דער ערד האָט געטאָן זיך אַ צי.

צו דער היימישער ערד מיטן פנים אַראָפּ
אַזוי'ז צום שלאָגן די ערד מיטן קאָפּ.

נאָר שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.



האָט ס׳ייִנגל געטאָן ׳פֿון דער ערד זיך אַ הייב.
דערשטיקט דאָס געשריי פֿון פֿאַרפּייניקטן לייב

און שווער ווי אַ זקן געלאָזן זיך גיין
אַריבער דער שוועל פֿון דעם גרויסן געוויין.

און שטיין געבליבן אין דער ליידיקער שטוב.
אַזויווי אַן אבל ביים אָפֿענעם גרוב.

און שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוואַקסט איבער אים האָט די שטילקייט פֿון הויז.

האָט ס׳ייִנגל געעפֿנט ווי איוב זיין מויל.
נאָר נישט אויף קיין קללות. ס׳געבראָכענע קול

האָט קוים זיך געהערט אין דער גרויזאַמער רו:
ווו זיינען זיי אַלע. ווו זיינען זיי, ווו?...

דאָס קול האָט געבלאָנדזשעט צווישן די ווענט
האָט ס׳ייִנגל זיין פּנים פֿאַרשטעלט מיט די הענט

און שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוויינט אין דער שטילקייט פֿון חרובֿן הויז.